**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת עקב יד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## בשורה טובה: שידוכים ביי פנים מאירות

א גוט מארגן, היינט דינסטאג פרשת עקב, י"ד מנחם אב תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ברוך הוי' ברוך הוא, הודו לו ברכו שמו! מען הערט ברוך ה' דא אין "פנים מאירות" פון חתנים און כלות וואס מעלדן זיך אריין – עלטערע בחורים, עלטערע מיידלעך, יונגע בחורים און יונגע מיידלעך. ברוך ה'וי ברוך הוא, מען הערט, קיין עין הרע, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן, שידוכים נאך שידוכים.

באמת האבן מיר געוואלט מאכן א גאנצע "קבלת פנים" מיט א "ברוך הבא" פאר די אלע אידן וואס זענען שוין אזוי אויפגעלאכטן און אויפגעראכטן געווארן אין די זעקס און צוואנציג טעג פון שידוכים, וואס אידישע קינדער בעטן ביים אייבערשטן, רייסן איין און נעמען זיך אונטער קבלות טובות. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס ארבעט! נאר מיר האבן געווארט, און מירווארטן נאך עטליכע טעג, ווייל עס דארפן נאך זיין עטליכע שידוכים ביי די "פנים מאירות" שטיצער וואס קוקן שוין אזוי ארויס אז ביי זיי זאל אויך ווערן לעכטיג און פרייליך, כדי זיי זאלן קענען זיין א חלק פון דעם גרויסן פרסום וואס מיר גייען בקרוב מפרסם זיין.

אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ברוך הוי' ברוך הוא, אלע יארגאנגען – עלטערע, יונגערע, און מיטעלע – ברוך ה', נאך א שידוך און נאך א שידוך. מזל טוב, מזל טוב, מזל טוב, מזל טוב פאר אלע חתנים און כלות. איך בעט פון אלע עלטערן, פון אלע חתנים און כלות, און פון גאנץ כלל ישראל וואס האלטן מיט אונזערע שיעורים: רייסט איין ביים בורא כל עולמים.

היינט ביינאכט איז חמשה עשר באב. מיר בעטן ביים אייבערשטן – אזויפיל אידן דארפן שידוכים – מיר בעטן פארן גאנצן כלל ישראל, אבער אוודאי פאר די אלע וואס שטיצן "פנים מאירות", וואס זענען א חלק פון "פנים מאירות" און שטארקן זיך מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה; זיי שטארקן זיך מיט "פנים מאירות", זיי לעבן מיטן אייבערשטן און לעבן א פרייליך און לוסטיג לעבן. זאל דער אייבערשטער זיי העלפן אז זיי זאלן אלע זוכה זיין בקרוב שוין, שוין, שוין, מיר זאלן אלע קענען מבשר זיין דא בשורות טובות, ישועות ונחמות. דער אייבערשטער זאל העלפן בשעה טובה ומוצלחת פאר אלע אידן. רייסט איין און מאכט גוטע קבלות. דער אייבערשטער נעמט אן די תפילת הרבים און די תפילה פון יעדן יחיד. בשורות טובות, ישועות ונחמות.

### זיין געזונט און שטארק: דער לימוד זכות פונעם הייליגן רבי זושא

ס'שטייט אין די וואכעדיגע פרשה: "וְאָכַלְתָּ אֶת כָּל הָעַמִּים". שטייט אין ספר דעת משה פון רבי משה אליקים בריעה פון קאזשניץ זצ"ל, ער ברענגט דארט מורא'דיגע ווערטער: מיין רבי, **דער הייליגער רבי ר' זושא, פלעגט בענטשן אידן מיט'ן לשון: "זאלסט זיין געזונט און שטארק ווי א גוי".**

האט דער הייליגער רבי ר' זושא מסביר געווען: אפילו אויב א מענטש איז נישט ראוי, און ער פארדינט נישט אז דער אייבערשטער זאל אים געבן אזויפיל גוטס, דאך קומט אים ער זאל זיין געזונט און שטארק. פארוואס? א גוי טוט דאך נישט קיין שום מצוה און ער טוט גארנישט דעם רצון השם, און דאך איז ער געזונט און שטארק; איז דאך אוודאי אז א איד וואס טוט דעם רצון השם — אפילו אויב ער איז נישט אזוי ראוי אדער ער האט געוויסע דורכפעלער — איז זיכער אז עס קומט אים ער זאל זיין געזונט און שטארק.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? אזוי ברענגט ער, אז דער הייליגער רבי זושא פלעגט כסדר וואונטשן און ממליץ טוב זיין אויף אידישע קינדער.

זאגט דער דעת משה: "שיחתן של תלמידי חכמים צריכים לימוד", עס מוז דאך זיין ערגעץ מרומז אין די תורה. אויף דעם זאגט ער, אז דאס איז מרומז אין דעם פסוק "ואכלת" – דער אייבערשטער זאגט אונז מיר זאלן עסן. וואס זאלן מיר עסן? "כל טוב", מיר זאלן באקומען אלעס גוטס. אבער אויב די מדת הדין טענה'ט אז דער איד איז נישט ראוי? אויף דעם ענטפערט ער: "את כל העמים" – אלע פעלקער וואס דינען עבודה זרה זיצן זיך רואיג, באקוועם, דשנים ורעננים; מיר אידישע קינדער, וואס פאר אונז קומט באמת "כל טוב", מיר זענען דאך בני קל חי, מיר זענען דאך "נלכה בשם אלקינו לעולם ועד", איז דאך זיכער אז פאר אונז קומט זיך אז דער אייבערשטער זאל אונז געבן אלעס גוטס, כל טוב סלה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אזוי האט דער הייליגער רבי ר' זושא מליץ טוב געווען אויף אידישע קינדער.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת עקב יד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן פארגינען אנדערע אידן. מיר דארפן מתפלל זיין פאר אנדערע אידן, מיר דארפן געבן פאר אנדערע אידן, מיר דארפן האבן א גוט אויג און א גוט ווארט פאר יעדן איד.** מיר דארפן מליץ טוב זיין פאר אידישע קינדער; הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען דארף שטענדיג טרעפן צו זאגן גוטע ווערטער אויף אידן, דערהויבענע ווערטער, חשוב'ע ווערטער, און זען דאס גוטסקייט פון כלל ישראל.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט בייננאכט איז חמשה עשר באב, זעקס וואכן פאר ראש השנה, מ'ווינטשט זיך שוין א כתיבה וחתימה טובה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר זיך אלע אינאיינעם שטארקן, צו רעדן גוט אויף אידן, טראכטן גוט אויף אידן, זען גוט אויף אידן, און מהפך זיין אלעס לטובה ולברכה ולששון ולשמחה פאר אלע אידן.

**די טרויבן פונעם טרוקענעם טיש: די אמונה פשוטה פון רבי עמרם בן דיוואן**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס איז געווען א גרויסער מקובל, רבי עמרם בן רבי אפרים בן דיוואן זצ"ל. ער איז געווען א געוואלדיגער מקובל; ער איז אריגינעל געקומען פון וואזאן, מאראקא, און צום סוף פון זיין לעבן איז ער געווען אין ירושלים. עס ווערט געברענגט אין ספר "נר המערב", אז אין א געוויסע תקופה האט דער פאשא פון דער שטאט וואזאן ארויסגעגעבן א שווערע גזירה, וואס האט עס געמאכט זייער שווער פאר אידן צו האבן כשר'ע וויין אויף שבת און יום טוב. ער האט פארשלאסן אלע פלעצער וואו מ'פלאגט צו פרעסן די טרויבן; ער האט אלעס צוגעמאכט ווייל ער האט נישט געוואלט אז אידן זאלן האבן וויין.

דער גאון וקדוש רבי עמרם דיוואן איז געגאנגען פערזענליך צום פאשא בעטן ער זאל מבטל זיין די גזירה. דער פאשא, אן אראבער, האט אים אפגעחוזק'ט און געזאגט: "אויב דיין גאט איז טאקע אזוי גרויס, זאל ער מאכן אז פון דעם טרוקענעם שטיקל האלץ אויף מיין טיש זאלן ארויסוואקסן פרישע טרויבן."

דער הייליגער רבי עמרם האט אויפגעהויבן זיין קאפ צום הימל און מתפלל געווען א קורצע תפילה צום באשעפער, ער זאל מאכן א קידוש השם. **פלוצלינג האט דאס טרוקענע האלץ אויפן טיש אנגעהויבן באקומען קאלירן, און הערליכע שיינע טרויבן זענען ארויסגעוואקסן.** זעענדיג דעם נס, האט דער פאשא גלייך צוריקגעצויגן פון זיין גזירה און געגעבן רשות פאר אלע אידן ווייטער צו פראדוצירן זייער וויין.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן בעטן אויף ישועת ה' כהרף עין. דער כל יכול קען דאך נעמען א טיש און מאכן אז דערויף זאלן וואקסן טרויבן; ביי דעם הייליגן באשעפער זענען דאך נישטא קיין שום גבולים, ער איז דאך אן "אין סוף ברוך הוא", והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים.

רבי עמרם האט נאר געהאט אין זין דעם כבוד שמים. ער האט געהאט די אמונה פשוטה אז ביים אייבערשטן איז נישטא קיין חילוק צווישן א בוים וואס מען פלאנצט איין, ביז א טרוקענע שטיקל האלץ פון א טיש. מיט זיין אמונה פשוטה און זיין תפילה פארן כבוד שמים זיך אנצונעמען פארן הייליגן באשעפער — צו ווייזן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס איז א כל יכול — רבי עמרם האט מתפלל געווען פארן כבוד שמים, זענען ארויסגעקומען טרויבן פון א טיש.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר קענען האבן פרנסה, מיר קענען האבן געזונט, און מיר קענען האבן נחת פון יעדע זאך. עס מוז נישט שטימען מיט'ן שכל, און עס מוז נישט שטימען מיט די גשמיות'דיגע וועלט. מען דארף נאר האבן אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן און תפילה מעומקא דליבא: "ממעמקים קראתיך ה', ה' שמעה בקולי, תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני".

דאס איז דער כח פון אמונה פשוטה און פון בטחון אינעם אייבערשטן. **אויב דו זעסט נישט קיין טרויבן ארויסקומען פון א טיש, און דו זעסט נישט די ישועת ה' כהרף עין, איז עס ווייל דו גלייבסט נישט גענוג.** מיר דארפן באמת, באמת, באמת גלייבן; נאר גלייבן און גלייבן. איך דארף גארנישט טון, איך דארף נאר גלייבן אז פון יעדע זאך קען ווערן אן עשירות; א מיליאנער'ישקייט קען ארויסקומען פון יעדע זאך. אן עשירות אין געלט, אן עשירות אין שמחה, אן עשירות אין נחת, און אן עשירות אין אלעס וואס א איד דארף – ממש אלעס. מען דארף באמת גלייבן, גלייבן באמת ובלבב שלם.

ווען דער פאשא וואלט עס געזאגט פאר א צווייטן איד, וואלט יענער איד געזאגט: "פאשא, וואס מאכסטו זיך נאריש? פון א טרוקן שטיקל האלץ קענען נישט ארויסקומען קיין טרויבן!" אבער רבי עמרם דיוואן האט נישט אזוי געטראכט. ער האט געטראכט: "אין עוד מלבדו; דער כל-יכול איז נישט באגרעניצט, און אז מען דארף מאכן א כבוד שמים, וועלן קומען טרויבן אפילו פונעם טיש." הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די פשוט'ע אמונה ברענגט אונז אלע ישועות, און אויף דעם דארף מען הארעווען.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת עקב יד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## די הייליגע השפעה פון מאכלי שבת קודש

דער הייליגער רבי ישעי׳לע קערעסטירער זצ״ל האט דערציילט, אז ביי זיין רבי׳ן, רבי הערשעלע ליסקער זכר צדיק וקדוש לברכה, איז איינמאל אריינגעקומען א איד און זיך אפגערעדט אז די מאכלי שבת קודש – דער טשאלנט, די קוגלען און די אלע אנדערע מאכלים – פארדארבן אים דעם מאגן און מאכן אים געפערליכע ווייטאגן. האט דער הייליגער ליסקער געזאגט: ״חס ושלום אזוי צו זאגן! **באמת ברענגען די עסן פון שבת קודש א רפואה פארן מענטש און עס ברענגט אריין א ברכה אין מאגן פאר א גאנצע וואך.** נאר וואס דען, נאכן עסן די הייליגע מאכלי שבת קודש וואלט א איד געדארפט האבן שכל און פאסטן צוויי טעג, כדי צו לאזן די ברכה בלייבן אינעם גוף. אבער וואס זאל מען טון אז גלייך נאך שבת קודש זעצט מען זיך עסן מאכלי חול, וואכעדיגע עסן, און דאס איז עס וואס מקלקל דעם מאגן.״

הייליגע לעכטיגע קינדער, איר הערט די ווערטער פונעם הייליגן רבי הערשעלע ליסקער? די אמונה פשוטה פון די צדיקים. רבי הערשעלע ליסקער האט געגלייבט און ער האט מפיץ געווען די אמונה, און ווייטער זיין תלמיד, דער הייליגער רבי ישעי׳לע, האט עס ווייטער מפיץ געווען און מפרסם געווען ביי אידישע קינדער. **שבת׳דיגע עסן פארדארבט נישט דעם מאגן;** די עסן וואס דו עסט נאך שבת, די וואכעדיגע עסן, דאס פארדארבט דעם מאגן. איי, וועלכן פרעגן הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז דער מאגן טוט דאך וויי נאך פאר מ׳עסט עפעס אפילו זונטאג, מען האט דאך שוין ווייטאגן אין דעם מאגן? די תשובה אויף דעם איז: די ווייטאגן אויפן מאגן זענען הייליג און לעכטיג, דו דארפסט נאר גלייבן אין די מאכלי שבת. **אז דו וועסט גלייבן אין די מאכלי שבת, וועט עס גארנישט שאדן.**

רבי הערשעלע ליסקער האט געהאט אזא אמונה פשוטה אין די מאכלי שבת, אז ס׳קען נישט זיין אז דאס פארדארבט דעם מאגן. אויב ס׳פארדארבט דעם מאגן, איז עס די וואכעדיגע עסן. אז מ׳האט די אמונה און מ׳גלייבט עס באמת, שאדן טאקע נישט די מאכלי שבת. פונקט ווי א מקוה, איינער וואס גלייבט באמת וואס דער בעל שם טוב הקדוש האט געזאגט, אז א מקוה שאדט נישט, שאדט עס טאקע נישט. אבער מען דארף גלייבן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר לערנען תורה שבכתב, תורה שבעל פה, מוסר און חסידות, מ׳לערנט ספרי צדיקים גדולים. **אז מ׳לעבט און מ׳גלייבט, זעט מען.** דער אייבערשטער האט אונז אראפגעשיקט אויף דער וועלט צו הארעווען אויף אמונה פשוטה: גלייבן אינעם אייבערשטן, גלייבן אין דער תורה, גלייבן אין צדיקים, גלייבן ווי עס שטייט ״ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו״. און אז מ׳גלייבט, זעט מען די אלע זאכן; נישט שכל׳דיג, נישט שטודירט, און נישט הערן וואס די גוי׳אישע וועלט זאגט. גלייבן, גלייבן, גלייבן אין חז״ל, און גלייבן און גלייבן און גלייבן אין די ווערטער פון די צדיקים. הייליגע לעכטיגע קינדער, אזוי זעט מען ישועות.

## דער תפקיד פון אמונה און פנים מאירות

אונזער תפקיד און אונזער תכלית איז אמונה. גלייבן אינעם באשעפער, גלייבן אין דער תורה, גלייבן אין צדיקים, גלייבן אין מאמרי חז״ל, גלייבן אין די מאמרים פון צדיקים, און באמת לעבן און גלייבן. נישט לעבן אין א בחינה פון ״כוחי ועוצם ידי״, נישט אין מיין פארשטאנד, נישט אין מיינע נאטורן און נישט אין מיינע מדרגות – צי איך בין יא אין דער מדרגה אדער איך בין נישט אין דער מדרגה. ניין, דאס איז נישט אונזער ארבעט; אונזער ארבעט איז פשוט צו לעבן און גלייבן.

## די שמייכלדיגע פנים פונעם באבאווער רב זצ״ל

היינט בייראכט געפאלט די יארצייט פון רבי מאיר נתן בן רבינו חיים. דער הייליגער צאנזער רב זצ״ל האט פארלוירן א זון בחייו, רבי מאיר נתן, וועלכער איז געווען דער פאטער פון דעם ערשטן באבאווער רב, רבי שלמה זכר צדיקים לברכה. עס ווערט געברענגט אז דער הייליגער **רבי שלמה באבאווער פלעגט שטענדיג מקפיד זיין צו האבן א לעכטיג און שמייכלדיג פנים צו יעדן איד. אפילו ווען עס איז געווען א שווערער מצב, רחמנא ליצלן, און ער האט געהאט גרויסע יסורים, אדער אפילו ווען ער איז געווען טיף אריינגעטון אין דביקות אדער אין לערנען, האט ער דאך יעדן איד אויפגענומען מיט א שמייכל און מיט א לעכטיגקייט**, מיט א געשמאק און מיט א געוואלדיגע אהבת ישראל.

איינמאל האט אים איינער געפרעגט: פון וואו נעמט דער רבי דעם מנהג און די כוחות צו זיין שטענדיג מיט אזא שמחה און מיט אזא לעכטיג פנים? האט דער הייליגער רבי שלמה באבאווער, דער ערשטער רב, געענטפערט אז ער האט געהערט פון די עלטערע חסידים וואס האבן גוט געקענט זיין פאטער רבי מאיר נתן, אז זיין פאטער רבי מאיר נתן — דער זון פונעם הייליגן צאנזער רב — פלעגט שטענדיג מקבל זיין יעדן איינעם מיט אהבה, מיט א מאור פנים און מיט א סבר פנים יפות, אפילו ווען ער איז געווען אריינגעטון אין די עולמות העליונים און געווען ראשו ורובו פארטיפט אין עבודת השם. און רבי שלמה באבאווער האט אויסגעפירט, אז ער פרובירט נאכצוגייין אין זיינע

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת עקב יד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

הייליגע ווענן.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? דאווענען, לערנען, ליגן אין תיקון המדות, ליגן אין תיקון עבודת העליונים, און ליגן אין די גרעסטע עבודות הקדושים, נעמט נישט אוועק די לעכטיגקייט, די זיסקייט און די ווארעמקייט פון א מענטשנס צורה, פון א מענטשנס הארץ, און פון א מענטשנס מוח, צו מקבל זיין יעדן איינעם בסבר פנים יפות ובפנים מאירות.

**א איד דארף הארעווען אז וואס ער טוט, ווען ער טוט, וואו ער טוט און וויאזוי ער טוט, זאל ער שטענדיג זיין אין א לעכטיגקייט, א שיין, אן אור גדול און א לויטערקייט מיט א חשיבות. דאס איז אן ערליכער איד, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.**

אבער אז מען לעבט מיט אמונה, אז מען לעבט מיט בטחון, מען לעבט מיט שמחה, מען לעבט מיט התקרבות להקדוש ברוך הוא, מען לעבט מיט שלום, און מען לעבט צופרידן און גליקליך פאר זיך אליין — **פשוט פאר דעם אליין "שלא עשני גוי ושעשני יהודי" — פאר דעם אליין דארף א מענטש שטענדיג האבן א לעכטיגקייט, א פרייליכקייט און א לוסטיגקייט**. מיט דעם איז מען מפרסם דעם כבוד שמים, מען איז מפרסם דעם נאמען פונעם אייבערשטן, און מיט דעם ווערט מען דבוק אינעם הייליגן באשעפער.

**יעדער איד איז א בית המקדש מעט: די מעשה פון מהר"ם בנעט**

אין ספר "מעשי הגדולים" דערציילט ער, אז אמאל האט א גביר, א תלמיד חכם אין דער שטאט ניקלשבורג, שטארק ווי געטון און באליידיגט א פשוט'ן איד, א בעל מלאכה, און ער האט אים פארשעמט ברבים אינמיטן בית המדרש. דער פשוט'ער איד, דער בעל מלאכה, איז געקומען צום רב, רבי מרדכי בנעט זכר צדיק וקדוש לברכה, און ער האט געוויינט; ער האט זיך באקלאגט אז ער האט געהאט גרויס צער און בזיונות. דער הייליגער רבי מרדכי בנעט האט געלאזט רופן דעם גביר צו א דין תורה. ווען דער גביר איז אנגעקומען, האט ער זיך פרובירט ארויסצודרייען און זאגן אז יענער איז סתם אן עם הארץ, א פשוט'ער מענטש, און עס פאסט נישט פאר דעם כבוד פון אזא חשוב'ן איד איבערצובעטן אזא פשוט'ן מענטש, אזא עם הארץ.

ווען דער הייליגער מהר"ם בנעט האט דאס געהערט, האט ער זיך אויפגעשטעלט מיט א צובראכן הארץ און געזאגט מיט ווארימקייט, בקדושתו ובטהרתו און מיט א געוואלדיגע התלהבות: "וויאזוי קענסטו רעדן אזוי אויף א אידיש קינד? צי ווייסטו נישט אז **יעדער איד איז א בית המקדש מעט? אין די נשמה פון יעדן אידיש קינד איז א חלק אלוק ממעל!** אויב דו בעטסט אים נישט איבער, וועל איך לייגן אין חרם דיינע שיעורי תורה און דיין תפילה, **וויל תורה אן אהבת ישראל האט נישט קיין שום ווערט אין הימל**." דער גביר האט געזען אז דער רב מיינט עס ערנסט, מיט אן אמת'דיגע אהבת ישראל און מיט אן אמת'דיגן צער און ווייטאג אויף דעם וואס ער האט פארשעמט דעם איד. ער האט זיך מכניע געווען און איבערגעבעטן דעם פשוט'ן איד מיט א געוואלדיגע הכנעה און מיט אן אמת'דיג ווארעם הארץ. **איר הערט וואס רבי מרדכי בנעט זאגט? יעדער איד, זיין גוף איז א בית המקדש מעט, זיין נשמה איז א חלק אלוק ממעל, און ער האט אויך געזאגט אז תורה אן אהבת ישראל האט נישט קיין שום ווערט אין הימל.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדערך, דאס איז די הארעוואניע פון "פנים מאירות". דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו הארות, צו לעכטיגקייטן, צו אויפגעוועקטקייט, צו תורה, עבודה ויראת שמים, און צו דביקות הבורא, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

# הלכות כיבוד אב ואם

**די גרויסקייט און די שכר פון מצוות כיבוד אב ואם**

הלכות כיבוד אב ואם, צען מינוט, דער דרייצנטער שיעור, בסיעתא דשמיא.

אין די תורה שטייט: "כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך על האדמה אשר ה' אלקיך נותן לך". זאגט רש"י הקדוש: "אם תכבד" - אויב דו וועסט מכבד זיין דיינע עלטערן, "יאריכון" - וועט מען האבן אריכות ימים. "ואם לאו" - און טאמער נישט, זאלסטו נישט מיינען אז מ'וועט לעבן נארמאל נאר אן אריכות ימים; זאגט רש"י: ניין, "ואם לאו" - אויב מ'וועט נישט מכבד זיין א טאטע און א מאמע, "יקצרון" - חלילה וחלילה וועלן די יארן פארקירצט ווערן. זאגט רש"י: "שדברי תורה נוטריקון הם נדרשים, מכלל הן לאו, ומכלל לאו הן". ווען די תורה זאגט "יא", פארשטייט מען דערפון וואס עס געשעט ווען "נישט", און ווען די תורה זאגט וואס "נישט", פארשטייט מען דערפון וואס עס געשעט ווען "יא". כדי א איד זאל קענען האבן די זכיה מאריך ימים ושנים טובים צו זיין, דארף מען מקיים זיין כיבוד אב ואם.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת עקב יד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

**די מעשה פונעם סאכאטשאווער רבי'ן: הכנעה אפילו ווען מען איז גערעכט**

די וואכעדיגע פרשה אין "עונג שבת" ברענגט אראפ אזא מעשה: ר' אברהם, דער שפעטערדיגער אבני נזר סאכאטשאווער רבי, איז אלס קינד געקומען צו זיין טאטן, ר' נחום זאב ביאלער, און אים נאכגעזאגט א חידוש וואס ער האט מחדש געווען אינמיטן לערנען. דער טאטע האט זיך געבייזערט און אפגעפרעגט דעם חידוש. דער יונגער ר' אברהם – דער הייליגער סאכאטשאווער, דער "אבני נזר" – האט נישט געענטפערט; ער האט אנגענומען דעם טאטנס ווערטער. יארן שפעטער האט דער טאטע איבערגעלערנט די סוגיא און זיך דערמאנט אין דעם חידוש וואס זיין זון האט אמאל געזאגט, און יעצט האט ער איינגעזען אז דער זון איז יא גערעכט געווען. ער האט זיך אנגעטון דעם ראק און איז אריבערגעגאנגען צו זיין זונס הויז, און אים געזאגט: "יארן צוריק האב איך אוועקגעמאכט דיין חידוש אין די סוגיא, און דו האסט דעמאלטס אנגענומען מיינע ווערטער; איך האב מיך אבער יעצט איבערצייגט אז דו ביסט גערעכט, און איך בין דיר געקומען זאגן אז דו האסט גוט געלערנט פשט."

דער סאכאטשאווער, דער הייליגער אבני נזר, האט זיך צעשמייכלט. ווען דער טאטע האט אים געפרעגט פארוואס ער שמייכלט, האט ער געענטפערט: **"טאטע, איך האב דעמאלטס אויך פארשטאנען אז לכאורה בין איך גערעכט מיט דעם פשט וואס איך לערן." האט דער טאטע אים געפרעגט: "טא פארוואס האסטו געשוויגן?" האט ער געענטפערט: "און אויב איך בין גערעכט, בין איך דען פטור פון כיבוד אב?"** אויב מען איז גערעכט, איז מען דען מיט דעם פטור פון מצות כיבוד אב? אזוי האבן אונזערע צדיקים מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב ואם מיט א תמימות, מיט מסירות נפש, און מיט א געוואלדיגע הכנעה און ענווה.

**דער ריכטיגער בליק: אנקוקן די עלטערן ווי די גדולי הדור**

אין ספר "חוט השני" ברענגט ער אזוי: עס שטייט אין "חיי אדם" אז א מענטש דארף זיך פארשטעלן אז זיינע עלטערן זענען די גדולי ונכבדי הארץ, זיי זענען די גדולי הדור. אזוי איז די הלכה, אז קינדער דארפן אנקוקן זייערע עלטערן ווי די גדולי הדור.

דער "חוט השני" מסביר, אז דער הרגש פון כבוד צו א טאטע און א מאמע דארף זיין מיט אזא יחס, אז ער זאל זען זיין טאטע און מאמע ווי די גדולי הדור, און ער אליין איז א קטן, א קליינער קעגן זיי. זיי האבן אים געברענגט אויף דער וועלט, זיי האבן זיך מטריח געווען מיט פילע טרחות, זיי האבן זיך אסאך אוועקגעגעבן און אריינגעלייגט פילע כוחות און געלט פאר דעם קינד ער זאל אויסוואקסן. דאס מחייב זיין, אז דער יחס פונעם קינד צום טאטן און צו דער מאמען זאל זיין מיט א רגש פון כבוד, אז ער איז בטל ומבוטל פאר זיי און ער מכניע זיך פאר זיי, ווייל ביי אים זענען זיי די חשוב'סטע מענטשן אויף דער וועלט.

עס מאכט זיך אמאל אז א מענטש איז מחשיב א צווייטן ווייל ער זעט אז יענער האט געוויסע מעלות, און צוליב דעם איז ער אים מחשיב. זאגט ער: ניין. די הרגש פון חשיבות פאר א טאטע און א מאמע דארף נישט זיין צוליב איין מעלה אדער א צווייטע, און נישט ווייל זיי האבן געטון אזוי אדער אזוי. עס דארף זיין א ביטול הגמור; אפילו אויב ער פארשטייט מער אדער בעסער, און אפילו ווען ער פארשטייט אנדערש, און אפילו ווען ער האלט אז די עלטערן פירן זיך נישט אויף ווי עס באדארף צו זיין – נישט צו אים און נישט צו אנדערע – דארף ער לויט זיין דעת מכבד זיין זיינע עלטערן ווי די גדולי הדור. אפילו ווען זיינע עלטערן פארשעמען אים אדער זענען אים מצער, און אפילו ווען די עלטערן שטערן אים דאס לעבן, דארף ער נאך אלץ זיין בטל ומבוטל, זיך מבטל זיין און געבן כבוד פאר די עלטערן פונקט ווי פאר די גדולי הדור.

ער ברענגט א משל: אויב איינער האט געראטעוועט א צווייטן פון א גרויסע צרה, ממות לחיים, אדער ווען איינער איז געווען אין א געפערליכן פינאנציעלן מצב, עס האט אים געפעלט געלט און ער האט געדארפט באנקראטירן ביז ער האט געשפירט אז די וועלט דרייט זיך אים איבער, און יענער האט אים געראטעוועט – דעמאלטס פילט ער א שטארקע הכנעה צו יענעם. ער איז יענעם מכבד כאילו ער וואלט געווען פון די גדולי הגדולים, און ער שטייט קעגן אים ממש ווי א קטן קעגן די גדולי הדור, זיך מכניע זיין פאר אים. נישט ווייל יענער איז א חכם, און נישט ווייל יענער איז...

ער איז אן אדם גדול, נאר דיין הכרת הטוב ברענגט אז דו זאלסט דיך אזוי אויפפירן צו אים.

דאס איז דער עיקר כיבוד, זאגט דער "חיי אדם": דער שורש פון דער מצוה וואס דער אייבערשטער הייסט אז מען זאל מורא האבן און מכבד זיין א טאטע און א מאמע, איז אז א מענטש זאל שפירן די שייכות צו זיינע עלטערן, כביכול פונקט ווי מען דארף שפירן די שייכות פון אהבה און יראת שמים.

דער הייליגער באשעפער האט באשאפן דעם מענטש און ער האט געגעבן די מצוה אז מען דארף מכבד זיין, ליב האבן, און מורא האבן פאר

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג פרשת עקב יד מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א טאטע און א מאמע, פונקט אזוי ווי מען האט ליב און מען האט מורא פונעם הייליגן באשעפער כביכול. "בזמן שאדם מכבד את אביו ואת אמו", זאגט דער הייליגער באשעפער, "מעלה אני עליהם כאילו דרתי ביניהם וכבדוני".

**די חובת הערצה: טרעפן די מעלות פון די עלטערן**

עס ווערט געברענגט אין די שיחות פון רבי חיים שמואלעוויטש זצ"ל, ער ברענגט דארט אזוי: מקובלני — ער האט א קבלה — אז מען קען נישט מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם כהלכתה, נאר אויב דער זון איז מעריץ און מעריך דעם טאטן און די מאמען אויף א גאר שטארקן פארנעם. **יעדער קינד איז מחויב צו טרעפן ביי זיין טאטן און ביי זיין מאמען געוויסע תכונות הנפש און מדות טובות, וואס מיט דעם צייכענען זיי זיך אויס מער ווי אלע אנדערע מענטשן; זיי זאלן זיין ביי אים אין די בחינה פון א גדול הדור**. ער ברענגט דארט אז אפילו אויב איינער גיט צו עסן פאר זיין טאטן, ער גיט אים צו טרינקען, און ער לויפט פאר אים, האט ער נאך אלס נישט מקיים געווען דעם עיקר מצות כיבוד אב ואם, נאר ווען ער גייט זיי מעריך זיין און מחשיב זיין אויפן העכסטן פארנעם, זען זייערע מעלות, טרעפן זייערע מעלות, און זען און טרעפן זייער יחוס ביי זיך, אז דאס זאל זיין ביי אים די חשוב'סטע זאך אויף דער וועלט.

**כבוד אב ואם איז כבוד הבורא**

דער רמב"ן זאגט, אז אין די עשרת הדברות זענען דא פינף מצוות פון כבוד הבורא און פינף פון טובת האדם. "כבד את אביך ואת אמך" איז נישט קיין חלק פון טובת האדם, נאר עס איז א חלק פון כבוד הבורא. דער הייליגער באשעפער זאגט: אויב ווילסטו מיך מכבד זיין, דארפסטו מכבד זיין דיין טאטע און מאמע. א איד וואס איז נישט מכבד א טאטע און א מאמע – א איד וואס קען דורכגיין א טאטע און א מאמע אן רעדן צו זיי, אן גריסן, אן פרעגן "וואס קען איך דיר העלפן?", אדער גאר בארעדן און פארשעמען א טאטע און א מאמע.

אזוי ווי מיר זעען ליידער בזמנינו, רחמנא ליצלן, ווען קינדער פארשעמען, זענען מבזה, און צעטרעטן די עלטערן, ובפרט אין בית המדרש אדער ביי שמחות. מ'איז דאך עובר אויפן איסור פון מבזה זיין א טאטע און א מאמע, וואס אויף דעם זענען דא די הארבסטע עונשים רחמנא ליצלן. אבער חוץ פון דעם פארגעסט מען אז כיבוד אב ואם איז כבוד הבורא. ווען דו שטייסט אין בית המדרש און דו ביסט מצער, פארשעמסט, און צוקלאפסט דיין טאטן, האסטו חלילה וחס מבזה געווען און צעטרעטן דעם בורא כל עולמים, דעם הייליגן באשעפער, דעם מקום קדוש, און דעם בית המדרש.

**דער הארבער איסור פון מצער זיין אדער מבזה זיין עלטערן**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז נישט קיין פשוט'ע זאך; דאס איז א מצוה שבין אדם למקום, נישט בלויז א מצוה שבין אדם לחבירו. דער חזון איש האט אמאל געזען א איד וועמענס מאמע איז געגאנגען מיט אן אויפגעדעקטן קאפ; יענער איד האט געוואלט מאכן א ברכה, האט ער אויסגעדרייט דאס פנים פון זיין מאמע. **האט דער חזון איש געזאגט: "דאס איז אן איסור דאורייתא! מען קען צומאכן די אויגן, אבער מען טאר נישט אוועקדרייען דעם קאפ פון א טאטע אדער א מאמע."**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס מאכט זיך אמאל אז קינדער נעמען אויף זיך אן עול ארויסצוהעלפן דעם טאטן און די מאמע, און פלוצלינג לאזן זיי איבער דעם גאנצן עול אויף די עלטערן — צי ווייל זיי האלטן אז מען דארף עס נישט, אדער ווייל זיי האלטן אז עס זענען "שווערע עלטערן" — אבער דער טאטע און די מאמע בלייבן איבער אליין מיט דעם גאנצן עול.

הייליגע לעכטיגע קינדער, רחמנא ליצלן, דאס איז חמורה שבחמורות! עס איז נישטא אין די תורה קיין הארבערע עבירות פון דעם, און עס זענען נישטא קיין גרעסערע עונשים ווי פאר דעם וואס טוט דאס, ווייל דאס הייסט געטרעטן אויפן אייבערשטן. עס איז גארנישט אנדערש ווי א מענטש וואס נעמט תפילין ווען ער ווערט בייז אוןווארפט זיי אראפ אויף דער ערד; עס איז אויפ'ן האר די זעלבע זאך, און נאך ערגער פון דעם.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר ווילן נישט עובר זיין אויף די אלע זאכן; מיר ווילן זיין הייליג און לעכטיג, און מיר ווילן נאר מכבד זיין דעם אייבערשטן און די טאטע מאמע, למען ייטב לך והארכת ימים.

## זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211